אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת דברים תשפ"ה

גליון 427

## אמרות שמשון

### שפע און ריבוי קומט פון צד הקדושה און מיעוט פון צד הטומאה

***ה' אֱלֹהֵיכֶם הִרְבָּה אֶתְכֶם וְהִנְּכֶם הַיּוֹם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב*** (א, י). עס שטייט אין מדרש (דברים רבה א, יב), משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל 'היום אתם ככוכבים', היינט זענען ענק נאר אזוי ווי די שטערנ'ס, 'אבל לעתיד לבא' וועלן ענק זיין 'לָרַב', אזוי ווי ענקער רבי - כביכול - דער הייליגער באשעפער.

**מען** קען ערקלערן פשט אין מדרש, לויט ווי עס איז באקאנט פון די מקובלים (עמק המלך שער י"ד פרק קמ"ה), ווען עס קומט א ריבוי און שפע אויפן וועלט, איז עס מצד הקדושה, און איז א סימן אז די קדושה געוועלטיגט, און שטופט אוועק אלע קליפות. און ווען עס קומט א מיעוט און צמצום איז עס פון די צד הטומאה, און עס איז א סימן אז זיי האבן יעצט א כח צו געוועלטיגן.

**לויט** דעם קען מען ערקלערן פשט אין פסוק, משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל ***ה' אֱלֹהֵיכֶם הִרְבָּה אֶתְכֶם***, דער אויבערשטער האט ענק געגעבן א ריבוי, וואס דאס מיינט אז די קדושה געוועלטיגט, און מען האט פארטריבן אלע קליפות, ***וְהִנְּכֶם הַיּוֹם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם*** און דאס האט געברענגט ענק זאל זיין אזוי ווי די שטערנ'ס (דאס הייסט, העכער פון די וועלט און דערווייטערט פון די קליפות און חיצונים).

**אבער** - לייגט צו משה רבינו - דאס איז נאכנישט גענוג, ווייל עס איז נאך פארהאן קליפות וואס די קדושה דארף זיך מתגבר זיין אויף זיי. און עס וועט קומען א צייט - לעתיד לבא ווען אלע קליפות וועלן בטל ווערן - וואס דעמאלטס וועט כלל ישראל זיין ***לָרַב***, זיי וועלן דערהויבן ווערן צו די דרגה - כביכול - פונעם אויבערשטן. (אות ב' ד"ה וי"ל)

### גערעדט מיט א קלארע דעת

***וַיִּשְׁמַע ה' אֶת קוֹל דִּבְרֵיכֶם וַיִּקְצֹף וַיִּשָּׁבַע לֵאמֹר*** (א, לד). לכאורה וואלט געווען גענוג אויב משה רבינו זאגט ***וַיִּשְׁמַע ה' אֶת דִּבְרֵיכֶם***, פארוואס דארף ער צולייגן דיווארט ***'קוֹל' דִּבְרֵיכֶם***?

**מען** קען ערקלערן, אז ווען א מענטש האט א סיבה צו רעדן, דאס הייסט, ווען ער ווערט זייער אויפגעברויזט אדער פאר'צער'ט, אדער עס ברענט אין אים א שנאה אדער ליבשאפט, קען ער זיך נישט איינהאלטן פון רעדן. און ווען מען רעדט צוליב אזא סיבה, דארף מען זיך נישט צוטון מאכן פון וואס ער רעדט, ווייל ער פארלירט זיין דעת, און ער טראכט נישט וואס ער רעדט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (איוב לב, יח), ***כִּי מָלֵתִי מִלִּים הֱצִיקַתְנִי רוּחַ בִּטְנִי***.

**אבער** טראץ וואס געווענליך אין אזא מצב פארמאגט נישט א מענטש קיין דעת און טראכט נישט וואס ער זאגט, קען מען אבער צוהערן צו די 'קול' וואס דאס איז די טיפערע באדייט פון זיין דיבור, און דעמאלטס קען מען הערן צו דער מענטש האט באמת נישט קיין דעת אדער ער ווייסט וואס ער רעדט. און דאס זאגט 'איוב' צו 'אליהוא' (שם לד, טז), ***הַאֲזִינָה לְקוֹל מִלָּי***, טראץ וואס איך בין בצער און פארוויטאגט, הער צו די 'קול' פון מיינע ווערטער, וועסטו זען אז איך ווייס וואס איך זאג מיטן קלארן דעת.

**לויט** דעם קען מען ערקלערן, אז ווען כלל ישראל האט גערעדט אנטקעגן דער אויבערשטער ביי די מעשה פון די מרגלים, וואלט מען זיי געקענט פארטיידיגן אז וויבאלד זיי זענען געווארן דערשראקן פון די ווערטער פון די מרגלים, האבן זיי אומוועלנדיג גערעדט אנטקעגן דער אויבערשטער, און עס נישט געווען מיטן פולן דעת.

**אבער** משה רבינו זאגט זיי, ***וַיִּשְׁמַע ה' אֶת קוֹל דִּבְרֵיכֶם***, דער אויבערשטער האט געהערט די 'קול' פון ענקער ווערטער, און האט פארשטאנען אז ענק זאגן עס מיטן פולן דעת, און רעדן אנטקעגן דער אויבערשטער, דעריבער ***וַיִּקְצֹף וַיִּשָּׁבַע לֵאמֹר*** וגו'.

### מען בעט דער אויבערשטער זאל אונז העלפן תשובה טון

***נָפְלָה עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ אוֹי נָא לָנוּ כִּי חָטָאנוּ*** (איכה ה, טז). מען קען פארטייטשן דער פסוק אז כלל ישראל זאגט פארן באשעפער ***נָפְלָה עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ***, דער בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב אונזערע עבירות, אבער אויב אונז וועלן תשובה און זיך מתודה זיין אויף די עבירות, און מען וועט זאגן ***אוֹי נָא לָנוּ כִּי חָטָאנוּ***, וועט דער אויבערשטער צוריק אויפבויען דער בית המקדש.

**אבער** וואס זאל מען טון אז אונז האבן נישט אליינ'ס די כוחות צו תשובה טון און זיך צוריק קערן צו דער אויבערשטער, דעריבער בעט כלל ישראל (שם כא), ***הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ*** קער אונז צוריק צו דיר, און געב אונז כוחות צו קענען תשובה טון, און - ***וְנָשׁוּבָה*** - אונז וועלן זיך צוריק קערן צו דיר, און דורכדעם וועט מען זוכה זיין צו ***חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם***. (קינות אות י"ג ד"ה פסוק)

זרע שמשון

חדש! חדש!
ספר
זרע שמשון
יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
אליהו בן שלמה
נלב"ע ח' אב תשפ"ג ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש על ידי מרדכי בן רחל
להצלחה וברכה ובשורות טובות

רפואה שלימה
• רפאל בן לינדה
• מאגו מרגריטה בת רחל
• שרה בת רוזה
• מנואל בן רבקה
• שלמה בן יעל
• דורה בת אסתר
שישלח ה' להם רפואה שלימה
והחלמה מהירה בכל גופם
ויהיה להם אריכות ימים
ושנים טובות ומתוקות לשמחתם
ולשמחת כל משפחתם

לזיווג הגון
• הודיה בת תמר
• שרה שרון בת סופיה
• יוכבד ג'ובנה
בת מירב תמר
שיזכו לזיווג הגון בקרוב
מתוך אושר ושמחה

עושר ואושר
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו לראות פריצת
דרך ברכה ושפע רב בקרוב ממש
מתוך מנוחת הגוף והנפש

הצלחה וברכה
בנימין בן תמרה
שיסתדרו לו בהקדם כל בעיות
המס בעסק בלי שום הפסדים
ויהיה לו מנוחת הנפש
והצלחה גדולה בכל עסקיו

זיווג הגון
ברכה מרים בת חולדה
לזיווג הגון בקרוב ממש
מתוך אושר ושמחה ובניקל

שפע וברכה
חיים דוד בן עטיא
וזוגתו
צביה רחל בת רבקה
שיזכו לשפע ברכה והצלחה גדולה
בכל מכל כל עד בלי די פרנסה
בשפע מתוך הרחבת הדעת
וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

הצלחה ועושר
אשר אנשיל דוד הלוי
בן נילי
לשפע הצלחה ברכה ועושר
בלא גבול בקרוב ממש

זכות וברכה
להצלחת השותפים
התורמים ומשפחותיהם
החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי
חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח
זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

הצלחה וזש"ק
יצחק בן רחל
וזוגתו
רינה בת לינדה
לשפע ברכה והצלחה בכל
ולהיפקד בזש"ק בבריאות

רוב ברכות וישועות
מרדכי בן רחל
שיזכה לזיווג הגון פרנסה טובה
ועשירות גדולה ומציאת דירה לקניה
במהרה ובריאות איתנה

הצלחה ועושר
דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד
ובשורות טובות בקרוב ממש

# לקראת היומא דהילולא קדישא - ו' אלול הבעל"ט

## העפטיגע הכנות צום גרויסארטיגן יומא דהילולא קדישא פון רבינו בעל הזרע שמשון זי"ע

**"לִהְיוֹת שְׁמִי לְזִכָּרוֹן בְּדָבָר שֶׁדַּרְכּוֹ לְהִמָּנוֹת"** דאס איז די הייליגע בקשה וואס רבינו הזרע שמשון זי"ע האט געבעטן און געשריבן מיט צוויי הונדערט פופציג יאר צוריק, און הילכט אפ איבער די גאנצע וועלט, ווי צענדליגע טויזנטע אידן פון אלע עקן וועלט זענען זוכה צו לערנען און מקיים זיין די זעלטענע בקשה פונעם גרויסן צדיק און קדוש רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זי"ע.

**נאך** לאנגע יארן וואס עס איז געווען שווער צו ערפילן די בקשה פונעם צדיק, נאכדעם וואס די ספרים זענען נישט געווען צו באקומען, און מיט יארן צוריק ווען מען האט עס איבערגעדרוקט איז עס געווען מיט די אלטע פארמאט וואס האט עס געמאכט גאר שווער צו לערנען און מעיין זיין אין די הייליגע תורות.

**היינט** צוטאג'ס איז דער ספר פארשפרייט איבער די גאנצע וועלט, א דאנק די איבערמידליכע ארבעט פון די אלוועטליכע מכון 'האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון', וואס האבן ערמעגליכט פאר יעדע איד איבער די וועלט צו קענען לערנען און מקיים זיין די צוואה פונעם צדיק, וואס בעט זיך בתחנונים אין די הקדמה פונעם ספר, אז וויבאלד ער איז נישט זוכה איבערצולאזן קיין זרע של קיימא, זאל מען לערנען זיינע ספרים, ווי עס לויטעט זיין הייליגע לשון: **'וַאֲנִי בְּעָנְיִי וּבִמְרִירוּתִי לְבָבִי הוֹלֵךְ וּבוֹכֶה, עַל כִּי אֵין לִי בָּנִים וְזֶרַע יַעַבְדֻנִי אַחֲרֵי מוֹתִי, וּמֻכְרָח אֲנִי לָצֵאת בְּעִקְבוֹת אַנְשֵׁי שֵׁמוֹת לְהַשְׁאִיר אַחֲרַי בְּרָכָה, וְלִהְיוֹת שְׁמִי לְזִכָּרוֹן'**, און ער זאגט צו אז ער וועט נישט שולדיג בלייבן.


ממראות מעמד ההילולא תשפ"ד

**אצינד** שטייענדיג געציילטע וואכן איידער די גרויסע יארצייט וואס פאלט אויס ו' אלול הבעל"ט, שטייט די אלוועלטליכע 'האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון' אין שפיץ פון די מאסיווע צוגרייטונגען צום גרויסן יארצייט וואס דערמיט טוט מען פאראייביגן און געדענקן די בקשה און צוואה פונעם צדיק מען זאל אים געדענקן און לערנען זיינע תורות.

**ביי** די טעג פונעם יארצייט וועט בס"ד פארקומען עטליכע גרויסע מעמדי לימוד לזכרון הצדיק וקיום בקשתו וצוואתו, אין שפיץ פון די צענטראלע סעודת הילולא קדישא בראשות רבני וצדיקי הדור שליט"א.

**אזוי** אויך וועט פארשפרייט ווערן צענדליגע טויזנטע גליונות אין אלע שפראכן, צוזאמען מיט דעם ספעציעלן קונטרס וואס טוט ערשיינען לכבוד די יארצייט איבער די געוואלדיגע חשיבות און זכות צו לערנען און מקיים זיין די צוואה פונעם צדיק.

**זייט** א חלק פון די טויזנטע אידן וואס זענען שוין אויפגעראכטן און געהאלפן געווארן בזכות דער גרויסער צדיק זי"ע, און נעמט א חלק אין די ריזיגע הוצאות לעשות ולקיים רצון צדיק בפרט ביומא דהילולא קדישא, און זייט זוכה צו די זעלטענע ברכה און הבטחה: **'וְעֵינֵיכֶם תִּרְאֶינָה בָּנִים בְּנֵי בָנִים כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחַנְכֶם חֲכָמִים וּנְבוֹנִים וּבָתִּים מְלֵאִים כָּל טוּב גַּם עֹשֶׁר גַּם כָּבוֹד לֹא יָסוּפוּ מִזַּרְעֲכֶם, חַיֵּי אֲרִיכֵי בְּנֵי בָנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי וּמְזוֹנֵי טְפֵי לְגוֹמְלֵי חֲסָדִים טוֹבִים'.**

## האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון

**ארץ ישראל: 02-80-80-500 • 05271-66450 אמריקע: 347-496-5657**

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

האיגוד העולמי להפצת תורת
זרע שמשון
מתוך הבטחת וברכת המחבר:
ועיניכם תראינה בנים בני בנים
כשתילי זיתים סביב לשלחנכם,
חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב,
גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם,
זרע שמשון ע"ר 580624120